**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 72-יוניט אפּאַרדעבעל און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין די בראנקס**

***HELP Home Simpson אפערט אפּאַרדעבעל אפארטמענטס מיט אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס פאר 44 געוועזענע היימלאזע ערוואקסענע***

***דעוועלאפמענט רעכנט אריין אומזיסטע עסנווארג צימער און קאמיוניטי סערוויסעס פון St. Peter's Deliverance Ministries***

***בילד פון באנייאונג צערעמאניע פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א 72-יוניט אפּאַרדעבעל און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין די פאַקסהווירסט געגנט אין די בראנקס. HELP Home Simpson ערזעצט אן איין-שטאקיגע געביידע מיט אן ענערגיע-שפארזאמע דעוועלאפמענט וואס רעכנט אריין אויך ביזנעס פלאץ פאר St. Peter's Deliverance Ministries צו אויפהאלן אן אומזיסטע עסנווארג פארטיילונג אפעראציע און צושטעלן קאמיוניטי סערוויסעס.

"מיט די פארענדיגונג פון HELP Home Simpson, וועלן מער פון 70 בראנקס פאמיליעס יעצט האבן אר זיכערע, מאדערנע און אפּאַרדעבעל פלאץ צו פאררופן זייער היים", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע בלייבט ווייטער פארפליכטעט צו פארגרעסערן די סופליי פון אפּאַרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט, צו איבערבייטערן צוטריט צו קריטישע שטיצע און סערוויסעס און צו ארבעטן פון די נאענט מיט לאקאלע ארגאניזאציעס און סערוויס פראָווײַדערס צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער – באזונדערס ניו יארקער וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט – האבן די זיכערהייט און סטאביליטעט וואס זיי דארפן צו בליהען."

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל ( Homes and Community Renewal, HCR) אויפגעבויט אדער אויפגעהאלטן כמעט 14,700 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן. HELP Home Simpson איז א פארזעצונג פון די באמיאונגען און עס ערגענצט גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכנענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די זיבן-שטאקיגע געביידע קומט מיט 72 אפארטמענטס וועלכע זענען געענג ביליג פאר משפחות וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט ( Area Median Income). פיר און פערציג אפארטמענטס זענען אוועקגעלייגט פאר עלנדע ערוואקסענע וואס ליידן פון

היימלאזיגקייט אויף א כראנישן פארנעם און וועלכע זענען אין נויט פון שטיצנדע סערוויסעס כדי צו קענען לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט. די איינוואוינער וועלן האבן צוטריט צו סערוויסעס פינאנצירט דורך די ניו יארק סיטי '15/15' אינציאטיוו און צוגעשטעלט דורך .HELP USA, Inc.

די געביידע'ס אונטערשטע שטאק האט 8,500 סקווער פיס פון ביזנעס פלאץ צו גענוצט ווערן דורך St. Peter's Deliverance Church צו אויפהאלטן זייער קריסטליכע מיניסטעריום און זייערע קאמיוניטי פראגראמען, אריינרעכענענדיג אן אומזיסטע עסנווארג פארטיילונג אפעראציע און חינוך'דיגע פראגראמען. באקוועמליכקייטן פאר די איינוואוינער רעכענען אריין א טעראסע אויפן דאך, א סטארעדזש צימער פאר ביציקלעך און מאשינען צו וואשן וועש.

די געביידע איז דעזיינט געווארן אויף אן אופן צו נאכקומען די געהעכערטע ענערגיע שפארזאמקייט סטאנדארטן פון דעם פראגראם פאר ניי-געבויטע אפארטמענט געביידעס ( Multifamily New Construction Program) פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA). אייגנשאפטן רעכענען אריין ענערגיע-איינשפארנדע פענסטער, Energy Star אפלייענסעס און באלייכטונג און א טיילווייז גרינע דאך.

די דעוועלאפמענט מאנשאפט באשטייט פון HELPDevCo, CMC Development LLC און St. Peter's Deliverance Ministries Church.

סטעיט רעגירונג פינאנצירונג פאר די 33 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט רעכנט אריין 17.5 מיליאן דאלאר אין נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט פון HCR און $63,200 פון NYSERDA. די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון האוזינג אויפהאלטונג און דעוועלאפמענט ( Department of Housing Preservation and Development, HPD) האט געגעבן 6 מיליאן דאלאר דורך דעם 'שטיצנדע האוזינג הלוואה פראגראם'. די קאמיוניטי אפהיטונג קערפערשאפט ( Community Preservation Corporation, CPC) וועט צושטעלן 7.6 מיליאן דאלאר אונטער דעם 'פרעדי מעק' פערמאנענטע הלוואה פראגראם.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "HELP Home Simpson איז די סטעיט'ס לעצטע אינוועסטירונג צו פארברייטערן אפאָרדעבעל האוזינג געלעגנהייטן אריבער די בראנקס. מיט מער פון 70 אפארטמענט יוניטס און קאמיוניטי סערוויסעס געאפפערט דורך St. Paul's Deliverance Ministries, וועט די דעוועלאפמענט אן א ספק טראנספארמירן לעבנס און אויפבויען א שטערקערע און מער ערפאלגרייכע קאמיוניטי. מיר זענען דאנקבאר פאר די St. Paul's Deliverance Church פארן צושטעלן די שטח פאר איבערבויאונג, און אזוי אויך פאר אונזער סטעיט און שטאט רעגירונג און פריוואטע שותפים פארן העלפן אהערשטעלן די נייע היימער אין פאַקסהוירסט."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "ניו יארק זעצט פאר צו ארויסווייזן אז צושטעלן זיכערע און באקוועמע האוזינג פאר אונזערע שוואכסטע איינוואוינער קען גיין צוזאמען מיט דאס רעדוצירן ענערגיע באנוץ און קאסטן ווען מיר נעמען אן ענווייראמענט-פריינטליכע בויאונג מאסנאמען, ווי צום ביישפיל אריינלייגן ענערגיע-שפארנדע פענסטער, אפלייענסעס און באלייכטונג. די פאראויס-טראכטנדע צוגאנג צו אפאָרדעבעל האוזינג אפפערט אן ארומנעמיגע ערפארונג פאר דעם טענאנט, מיט סערוויסעס וועלכע קענען נאכגעמאכט ווערן אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט."

**סטעיט סענאטאר לוּאיס סעפּאלווידע האט געזאגט,** "אלס א ניו יארק סטעיט סענאטאר וואס פארטרעט די בראנקס, לויב איך אויס גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו פארגרעסערן די סופליי

פון אפאָרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט און צו צושטעלן וועזנטליכע שטיצע סערוויסעס פאר אונזער קאמיוניטי. די פארענדיגונג פון די HELP Home Simpson דעוועלאפמענט איז עדות פאר אונזערע געמיינזאמע באמיאונגען ביים פארזיכערן די זיכערהייט און סטאביליטעט פון אונזערע ניו יארקע שכנים. עס איז א באדייטנדע טריט פאראויס אין ריכטונג פון אויבפויען א זיכערערע און מער ארייננעמיגע בראנקס."

**אסעמבלי מיטגליד קעני בורגאָוס האט געזאגט,** "עס זאגט עדות איבער די מאכט פון קאמיוניטי און צוזאמענארבעט ווען מיר זעהען א פראיעקט ווי HELP Home Simpson ווערנדיג פארווירקליכט. די זיבן-שטאקיגע, 72-יוניט אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין די פאַקסהוירסט געגנט אין די בראנקס אדרעסירט נישט נאר די קריטישע נויט פאר אפאָרדעבעל האוזינג נאר עס אפפערט אויך וויכטיגע סערוויסעס פאר די וועלכע נויטיגן זיך אין זיי דאס מערסטע. עס שטייט אלס א שיינענדע ביישפיל פון וויאזוי ערפינדונג, מיטגעפיל און פאראנטווארטליכע אינוועסטירונג קענען טראנספארמירן א קאמיוניטי און גיבן א לעכטיגערע צוקונפט פאר אלע אירע איינוואוינער."

**בראנקס בארא פרעזידענט ווענעסא ל. גיבסאן האט געזאגט,** "די HELP Home Simpson איז א פריידיגע צוגאב צו די בארא וואס וועט צושטעלן אפאָרדעבעל האוזינג, ארומנעמיגע סערוויסעס, ענערגיע שפארזאמקייט און אנדערע באקוועמליכקייטן פאר אונזערע איינוואוינער און פאמיליעס וועלכע נויטיגן זיך דאס מערסטע דערין. איך וויל באדאנקען גאווערנער קעטי האקול און איר מאנשאפט פאר זייער ארבעט אויף דעם פראיעקט וואס מישט אויס ביזנעס און וואוינונג שטח צו שטיצן נישט נאר די טענאנטס פון די דעוועלאפמענט נאר אויך די גאנצע פאַקסהוירסט קאמיוניטי."

**HELPDevCo פרעזידענט דעיוויד קלעגהארן האט געזאגט,** "Home Simpson איז אן אויסגעצייכנטע ביישפיל פון א קאמיוניטי וואס קומט זיך צוזאם צו צושטעלן אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג פון א הויכע קוואליטעט בשעת'ן אויפהאלטן א וויכטיגע צענטראלע פלאץ פאר די קאמיוניטי אין די St. Peter’s Deliverance Ministries Church קירכע. די דעוועלאפמענט מאנשאפט האט געארבעט צוזאמען צו עררייכן די העכסטע און בעסטע באנוץ פון די שטח צו בויען א קאמיוניטי אוצר וואס וועט בלייבן פאר צענדליגע יארן."

**HELP USA פרעזידענט און CEO, טאם העימליין, האט געזאגט,** "צושטעלן סערוויסעס צו ערמעגליכן מענטשן מיט די העכסטע נויט צו לעבן בכבוד איז אין די הארץ פון די מיסיע, און HELP Home Simpson וועט טוהן געניו דאס. אזויווי איך גרייט זיך צו איבערגעבן די פירערשאפט לייצעס פון HELP USA צו מיין נאכפאלגער, דען לעימאן, קומענדיגער חודש, בין איך דאנקבאר פאר די גאווערנער, HCR, NYSERDA און HPD פארן לייגן די און ענליכע פראיעקטן אלס פריאריטעט."

**אסיסטענט וויצע פרעזידענט און מארטגעדזש אפיסער ביי די קאמיוניטי אפהיטונג קערפערשאפט, דזשעיסאן אסבורן, האט געזאגט,** "דער HELP Home Simpson פראיעקט ווייזט אויף די כוח וואס מיסיע-געטריבענע אינוועסטירונגען אין האוזינג קען האבן ביים צושטעלן די אייגנארטיגע באדערפענישן פון א קאמיוניטי. ביי CPC גלויבן מיר אז עס איז וויכטיג צו ארבעטן צוזאמען אויף האוזינג פראיעקטן וועלכע גיבן פאר אונזערע שוואכסטע בירגער אן אפאָרדעבעל פלאץ צו פאררופן זייער היים און א שטיצנדע אטמאספערע וואו זיי קענען לעבן בכבוד און רעספעקט. מיינע דאנקען גיין ארויס פאר גאווערנער האקול און אירע מאנשאפטן ביי HCR און NYSERDA, פאר HPD, פאר אונזערע לאנגיאריגע שותפים ביי HELP און פאר אלע פארמישטע קערפערשאפטן וועלכע ארבעטן צו מאכן ניו יארק סיטי מער אפאָרדעבעל און גערעכט פאר יעדן איינעם."

**גייסטליכע און CEO פון St. Peter's Deliverance Ministries, שאנטעי עדזשהיל, האט געזאגט,** "די מעגליכקייט צו קענען האבן א השפעה אויף די קאמיוניטי וואו איך בין אויפגעוואקסן, בשעת'ן

גלייכצייטיג טוישן די צוקונפט פון ניו יארק סיטי און די בראנקס'ס היסטאריע פאר אייביג, האט א גרויסע ווירקונג אויף הונדערטע פאמיליעס. איך בין זייער דאנקבאר צו מיטטיילן פון מיין שטח מיט די דעוועלאפּער מאנשאפט, HELPDevCo און CMC Development Corp, וועלכע האבן אונז געגעבן די געוואלדיגסטע געלעגנהייט צו אראפברענגען גאט'ס לייזונג צו די קאמיוניטי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן